מפעל
קדושת הבית
שע"י קהל יטב לב
דסאטמאר
קרית יואל יצ"ו

Mifal
KEDISHAS HABAIS
D'Khal Yetev Lev
D'satmar
Kryas Joel

51 Forest Rd. #316-71 • Monroe, New York 10950 • Tel. (845) 395-8456 Fax. (845) 492-3747


בס"ד

פ' אמור לסדר "להזהיר גדולים על הקטנים" (רש"י) - תשפ"ב

# איזהו חכם הרואה את הנולד!

א"כ מוה"ר הרבני החשוב ר' הי"ו וב"ב תחי'

אזוי ווי לויט אונזער אינפארמעישן איז די חתונה פון ענקער טאכטער תחי' באשטימט אין די חתונה זאל פון "עטרת מייזעלס", ווילן מיר אייך מיטטיילן אונזער ערפארונג פון פארפעלקער "תלמידות ויואל משה" וואס האבן חתונה געהאט דעם פארגאנגענעם ווינטער תשפ"ב אין "עטרת מייזעלס".

מיר ווען יעצט בכלל נישט אריינגיין אין די חלק הלכה פון פראוון א חופה וקידושין אן רשות פונעם מרא דאתרא, מיר ווען זיך נאר באציען אויפן מציאות וויאזוי עס האט געווירקט אויף די חתנים וכלות וואס האבן חתונה געהאט אין "עטרת מייזעלס" דעם פארגאנגענעם ווינטער.

דער מציאות האט געוויזן, אז אין משך פון דעם פארגאנגענעם ווינטער איז אריינגעקומען צו אונז אין אפיס 8 טעלעפאן הילפס רופן, פון 6 חתנים און 2 כלות וואס האבן חתונה געהאט אין "עטרת מייזעלס" און זיך געווענדן צום "וועד פון סידור קידושין",

פארצוויפלטערהייט מיט פארקלעמטע הערצער און טייל מיט געוויינען, אז היות זייער חתונה איז פארגעקומען שלא כדת משה וישראל נגד רצונם , ווען זיי האבן זיך נישט געקענט קעגנשטעלן זייערע עלטערן, ע"כ בעטן זיי זיך צום וועד אז מען זאל זיי אנווייזן און העלפן א וועג ארויס, מתקן צו זיין את המעוות, און קענען פון היינט און ווייטער פירן א ערליך גליקליך אידיש לעבן מיט א רואיג געמיט, און קענען אויפשטעלן דורות ישרים ומבורכים אן קיין שום ספק פגם ח"ו, אז ס'זאל זיין כל רואיהם יעידו כי זרע ברך ד' המה.

מיר ווען נישט יעצט אריינגיין, וואס און וויאזוי דער וועד האט מיטן פולסטן אחריות און האקל באהאנדלט יעדן פאל עקסטער, ווייל נישט דאס איז יעצט אונזער ציל, איבערהויפט ווען ביים וועד איז יעדער פרט וואס קומט אריין אין אונזער אפיס שטארק "קאנפידענשל" וד"ל.

מיר ווילן נאר אויפוואכן די עלטערן וואס האלטן נאך פאר חתונה מאכן זייערס א קינד - און ווי ס'איז באקאנט דעם משל וואס רש"י הקדוש ברענגט צו אנהייב פ' אחרי, "משל לחולה שנכנס אצלו רופא" וכו' -זאלן מיט א ניכטערן בליק זיך אליין פרעגן ווי פאלגענד:

צו בין איך זיכער אז מיין קינד וועט ח"ו נישט אנקומען צו דעם זעלבן מצב פון די חתנים וואס האבן אריינגערופן פארצוויפעלטערהייט?

צו בין איך זיכער אז מיין קינד וועט נישט קומען אויף די שפירן אז איך האב אים אריינגעלייגט אין אזא עסק ביש?

צו בין איך זיכער אז מיין קינד וועט זיך נישט עסן און ערגערן א גאנץ לעבן אויף דעם מצב וואס איך האב אים אריינגעשלעפט - נישט פאר זיין וואוילזיין - נאר צוליעב מיין נצחון?

צו בין איך זיכער אז מיין קינד וועט נישט קוקען מיט קנאת סופרים אויף אנדערע פאר פעלקער - **וואס קומען אויך פון זעלבן חדר** - און האבן יא חתונה געהאט כדת משה וישראל – פרעגענדיג, פארוואס קענען זיי יא האבן אזא רואיג און גליקליך לעבן, און איך נישט?

צו וועל איך קענען קוקען אין פנים פון מיין קינד, וואס טראגט זיך ארום מיט א פארקלעמט הארץ און תרעומות אויף מיר, אויף וואס איך האבן אום פאראומגליקט זיין לעבן?

צו וועל איך מיר קענען מוחל זיין, אויב אדאנק דעם וועט ח"ו מיין קינד האבן שוועריקייטן, ווען ער וועט האלטן ביים גיל השידוכים פון זיינע קינדער?

ווען איר וועט טיף אריינטראכטן און אוועקלייגן אלע זייטיגע נגיעות אין א זייט, וועט איר בעזהשי"ת אננעמען די ריכטיגע החלטה און אויסוועלן חתונה צו מאכן אייער קינד אויסגעהאלטן לכל הדיעות.

דער חשובער "וועד" שטייט גרייט אייך ארויסצוהעלפן טרעפן א חתונה זאל אין "קרן ויואל משה" אדער מחוץ לעיר, מאנסי – וויליאמסבורג, אזוי ווי זיי האבן דאס שוין געטוהן מיט א שיינע צאל מחותנים אין

פארגאנגענהייט, צו די צופרידנהייט פון אלע צדדים, אויף וואס די מחותנים באדאנקן זיך און ברענגן ארויס מיט התפעלות א סל מלא ברכות און טיפן הכרת הטוב פארן חשוב'ן וועד.

*****

דער יום החופה איז אן איינמאליגע געלעגנהייט פאר א חתן וכלה. פארדארבט נישט זייער הייליגן טאג פאר נצחון אדער צוליב אנדערע נארישע סיבות, פירט אייער קינד אונטער די חופה מיט א רואיג געוויסן, אז פון אייער זייט האט איר אייער קינד געטיהן און צוגעגרייט ברוחניות מיט אלעם וואס ס'איז נאר מעגליך, אז זיי זאלען קענען בעזהשי"ת גיין מיט זיכערע טריט אויף דעם לאנגען צוקונפטיגען וועג, און זוכה זיין בשטומ"צ אויפצושטעלן אייגענע דורות ישרים ומבורכים, בתים נאמנים לד' ולתורתו הקדושה בקדושה ובטהרה, ביז מיר וועלען זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

וועד המפעל

וזאת למודעי: דער וועד פון רבנים און בעה"ב חשובים זקני העדה זענען גרייט קלאר צו שטעלן אלע פראגעס בענין זה. יעדער רב אדער מחותן וועלכער לאזט א מעסעזש בנימוס הראוי וועט צוריק גערופן ווערן.

# ווינטער תשפ"ב

## 20 תלמידות "ויואל משה" האבן התונה געהאט אין כשר'ע התונה זאלן

| | מחותנים | תלמידה | וואוין ארט | יום החתונה | אולם החתונה |
|---|---|---|---|---|---|
| 1 | ר' יעקב ב"ר יושע שווארץ<br>ר משה ב"ר אשר זעליג ראזענטאהל | ויואל משה | בארא פארק<br>קרית יואל | ג' חיי שרה<br>כ' חשון תשפ"ב | בית רחל<br>פאראדייס |
| 2 | ר' שמואל מאיר ב"ר חיים משה שטויבער - קווינס<br>ר' משה מאיר ב"ר מנחם טייטלבוים | ויואל משה | בארא פארק<br>קרית יואל | א' ויצא<br>ג' כסלו תשפ"ב | בית רחל<br>פאראדייס |
| 3 | ר' משה אלעזר ב"ר יצחק פרענקל<br>ר' יואל ב"ר משה מארקאוויטש | ויואל משה | קרית יואל<br>קרית יואל | א' ויצא<br>ג' כסלו תשפ"ב | ויואל משה<br>וויליאמסבורג |
| 4 | ר' יואל אלי' ב"ר מנחם דוד וועבער - קווינס<br>ר' מרדכי ארי' ב"ר מאיר פריעדמאן | ויואל משה | וויליאמסבורג<br>קרית יואל | ג' ויצא<br>ה' כסלו תשפ"ב | ווילהאוויץ<br>מאנסי |
| 5 | ר' שמעון ב"ר ארי' אונגאר - קווינס<br>ר' מאיר יושע ב"ר אלטר יודא בערקאוויטש | ויואל משה | וויליאמסבורג<br>קרית יואל | ג' וישלח<br>י"ב כסלו תשפ"ב | בית רחל<br>פאראדייס |
| 6 | ר' מרדכי שמואל ב"ר שרגא יצחק גאנדל<br>ר' שמואל דוד ב"ר מנשה בירנבוים | ויואל משה | קרית יואל<br>קרית יואל | א' וישב<br>י"ז כסלו תשפ"ב | עטרת<br>טשארנא |
| 7 | ר' אשר ב"ר שלמה זלמן ראאב - קווינס<br>ר' יואל ב"ר יודא כהנא | ויואל משה | קרית יואל<br>קרית יואל | ג' וישב<br>י"ט כסלו תשפ"ב | בית רחל<br>פאראדייס |
| 8 | ר' אליעזר ב"ר שמואל מרדכי וואלדמאן - קווינס<br>ר' אהרן הערש ב"ר מנחם דוד וועבער | ויואל משה | קרית יואל<br>קרית יואל | ה' וישב<br>כ"א כסלו תשפ"ב | בית רחל<br>פאראדייס |
| 9 | ר' גבריאל ב"ר בכור סרוגא - קווינס<br>ר' עזרא אוריאל ב"ר יצחק מזרחי | ויואל משה | קרית יואל<br>קרית יואל | ג' ויגש<br>ג' טבת תשפ"ב | כינור דוד |
| 10 | ר' ישראל יוסף ב"ר מיכאל ברילל - קווינס<br>ר' נחמן ב"ר מענדל לעפקאוויטש | ויואל משה | קרית יואל<br>קרית יואל | ב' בא<br>א' שבט תשפ"ב | בית רחל<br>פאראדייס |
| 11 | ר' שמעון ב"ר אנשיל העדשקאוויטש<br>ר' אברהם יואל ב"ר יודא שלעזינגער | ויואל משה | קרית יואל<br>קרית יואל | ג' בשלח<br>ט' שבט תשפ"ב | בית רחל<br>פאראדייס |
| 12 | ר' יואל ב"ר נחום מרדכי טעללער<br>ר' שמואל נתנאל ב"ר אברהם מאיר יאזשעף | ויואל משה | וויליאמסבורג<br>קרית יואל | ב' משפטים<br>כ"ב שבט תשפ"ב | בית רחל<br>פאראדייס |
| 13 | ר' אברהם אהרן ב"ר דוד לייב יאקאבאוויטש<br>ר' וואלף ב"ר בנימין יצחק גליק | ויואל משה | קרית יואל<br>קרית יואל | ה' תרומה<br>ב' אדר א' תשפ"ב | בית רחל<br>פאראדייס |
| 14 | ר' רפאל יושע ב"ר שלמה פאללאק<br>ר' משה שמואל ב"ר ברוך מרדכי אקערמאן | ויואל משה | וויליאמסבורג<br>קרית יואל | א' כי תשא<br>י"ב אדר א' תשפ"ב | בית רחל<br>פאראדייס |
| 15 | ר' לוי אהרן ב"ר נחום שמשון עסטרייכער<br>ר' יואל ב"ר יושע הערש גליק | ויואל משה | קרית יואל<br>קרית יואל | ד' ויקרא<br>ו' אדר ב' תשפ"ב | בית רחל<br>פאראדייס |
| 16 | ר' יחיאל בהרב זלמן לייב רובין<br>ר' אלטר פנחס בהרב יואל מארגענשטערן | ויואל משה | מאנסי<br>קרית יואל | ד' ויקרא<br>ו' אדר ב' תשפ"ב | פרדס צבי<br>וויליאמסבורג |
| 17 | ר' מנחם מענדל ב"ר יעקב רייכמאן<br>ר' יואל חיים מרדכי ב"ר יצחק ראכליץ | ויואל משה | וויליאמסבורג<br>בלומינגבורג | א' שמיני<br>י"ז אדר ב' תשפ"ב | פרדס צבי<br>וויליאמסבורג |
| 18 | ר' לוי יצחק ב"ר שלמה פעדער - קווינס<br>ר' שאול יחזקאל ב"ר סענדער יעקב גראס | ויואל משה | וויליאמסבורג<br>קרית יואל | ב' שמיני<br>י"ח אדר ב' תשפ"ב | קרן<br>ויואל משה |
| 19 | ר' אברהם שמואל ב"ר חיים עוזר גרינפעלד<br>ר' יואל ב"ר שמואל קרויס | ויואל משה | קרית יואל<br>קרית יואל | א' טהרה<br>ב' ניסן תשפ"א | קרן<br>ויואל משה |
| 20 | ר' ישראל ב"ר יצחק דוד ראזענבערג<br>ר' יוסף מענדל ב"ר אליעזר הייליברוין | ויואל משה | מאנסי<br>קרית יואל | ד' טהרה<br>ה' ניסן תשפ"ב | עטרת חיה<br>שרה מאנסי |

# די מחותנים האט דער "וועד" געהאלפן מסדר זיין זייער החתונה
# אין כשר'ע החתונה זאלן
# נאכדעם וואס זיי זענען קודם געווען באשטימט אין
# "עטרת מייזעלס"

| | מחותנים / תלמידה | וואוין ארט | יום החתונה | אולם החתונה |
|---|---|---|---|---|
| 1 | ר' מנחם מאניש ב"ר נפתלי צבי בערגער<br>ר' שמואל יקותיאל ב"ר יוסף פעקעטע | ירושלים<br>בית שמש | ה' בהעלותך<br>ט"ז סיון תשפ"א | בית רחל<br>אדיטאריום |
| 2 | ר' יושע חיים ב"ר יודל בערקאוויטש - קווינס<br>ר' יודא צבי ב"ר חיים אלי' טייטלבוים | וויליאמסבורג<br>מאנטרעאל | ד' כי תצא<br>י' אלול תשפ"א | קרן<br>ויואל משה |
| 3 | ר' שלמה יעקב ב"ר משה חיים ב"ר שמואל בערקאוויטש<br>ר' חיים הערש ב"ר אברהם יעקב גאנץ | קרית יואל<br>מאנסי | ב' נח<br>כ"ח תשרי תשפ"ב | בית רחל<br>פאראדייס |
| 4 | ר' ליפא ב"ר בעריש קאהן<br>ר' טובי' צבי ב"ר אברהם יושע גראס ויואל משה | מאנטרעאל<br>קרית יואל | ג' לך<br>ו' חשון תשפ"ב | אטריום<br>מאנסי |
| 5 | ר' משה יצחק ב"ר הערשל לאנדא- קווינס<br>ר' אברהם ב"ר יעקב קרויס | וויליאמסבורג<br>קרית יואל | ה' וירא<br>ט"ו חשון תשפ"ב | קרן<br>ויואל משה |
| 6 | ר' בנציון ב"ר חיים יושע געלבשטיין - קווינס<br>ר' משה מענדל ב"ר בנימין יצחק גליק ויואל משה | וויליאמסבורג<br>קרית יואל | ד' ויצא<br>ו' כסלו תשפ"ב | ניו דזשערסי<br>איצקאוויטש |
| 7 | ר' אליעזר הערש ב"ר נתנאל מאיר הערקאוויטש<br>ר' דוד ב"ר שמואל זאנוויל וויינגארטען | טאהש<br>טאהש | ד' ויצא<br>ו' כסלו תשפ"ב | בית צירל<br>טאהש |
| 8 | ר' יחזקאל ב"ר אביש פערלמוטער - קווינס<br>ר' יחזקאל ב"ר משה אפרים הערשקאוויטש ויואל משה | קרית יואל<br>קרית יואל | א' וישלח<br>י' כסלו תשפ"ב | קרן<br>ויואל משה |
| 9 | ר' זלמן לייב ב"ר שלום יחזקאל שווארץ<br>ארויסגעסוויטשט פון "עטרת מאיר צבי"<br>ר' מיכל ב"ר מענדל ב"ר הערשל (סופר) פריעדמאן בני יואל<br>הגה"צ אב"ד מאנטרעאל שליט"א נתכבד בסידור קידושין ברשות רבינו שליט"א | מאנטרעאל<br>קרית יואל | ג' בא<br>ב' שבט תשפ"ב | עטרת מייזעלס<br>ברשות רבינו<br>שליט"א |
| 10 | ר' אשר ישעי' ב"ר חיים הערמאן<br>ר' ניסן מאיר ב"ר משה שמילאוויטש ויואל משה<br>הר"ר אפרים הערש שמילאוויטש שליט"א נתכבד בסידור קידושין ברשות רבינו שליט"א | קרית יואל<br>קרית יואל | ב' בשלח<br>ח' שבט תשפ"ב | עטרת<br>מאיר צבי ברשות<br>רבינו שליט"א |
| 11 | ר' ישראל יעקב ב"ר ישעי' זילבערשטיין<br>ר' בנימין וואלף ב"ר משה זילבערשטיין ויואל משה | וויליאמסבורג<br>קרית יואל | א' יתרו<br>ט"ו שבט תשפ"ב | בית רחל<br>פאראדייס |
| 12 | ר' אברהם יעקב ב"ר חיים אלימלך בלום<br>ר' שלמה יקותיאל ב"ר נחמן חיים יאקאבאוויטש ויואל משה | קרית יואל<br>קרית יואל | ג' ויקרא<br>ה' אדר ב' תשפ"ב | אטריום<br>מאנסי |

## אויף דעם קומענדיגן זומער תשפ"ב
## איז ביז דערווייל פאראויסגעזען
# אז 23 תלמידות "ויואל משה"
## האבן באשימט די חתונה אין כשר'ע חתונה זאלן
## ווי מיר וועלן איצ"ה בקרוב ברענגען די פרטים מיט די נעמען